# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תצא תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 498



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א ברכה אויף השבת אבידה

"לֹא תִרְאֶה אֶת שׁוֹר אָחִיךָ אוֹ אֶת שֵׂיוֹ נִדָּחִים וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם לְאָחִיךָ" (כב א)

**רבי דוד אבודרהם** ברענגט אין זיין ספר א תשובה פון **רבי יוסף אבן פלאט** ווי דארט רעכנט ער אויס די מצוות וואס מען זאגט נישט א ברכה ווען מ'איז מקיים אט די מצוות, און ערקלערט די סיבות אויף דעם. צווישן די מצוות וואס מען זאגט נישט א ברכה רעכנט ער אויס די מצוה פון השבת אבידה.

**רבי אריה לייבוש באלחובער** דער רב פון זאסלעב און בעל 'שם אריה' ברענגט אין דעם ענין א מעשה וואס האט פאסירט אין זיין שטאט, "איינער האט געטראפן א סומע געלט און אים עס צוריק גegעבן פארן אייגנטימער, און בשעת'ן צוריקגעבן האט ער זיך געקלוגט צו זאגן א ברכה: 'אשר קדשנו במצותיו וציונו על השבת אבידה', און פאר עטליכע מענטשן איז עס זייער געפעלן אז ער האט גוט געטוהן. ווען איך האב זיך דערוואוסט פון דעם, האב איך געזאגט אז ער האט דערלייגט די שכר פון די מצוה מיטן זאגן א ברכה לבטלה. און די זאך איז געווען ווי א חידוש איז זייערע אויגן, ביז איך האב זיי געוויזן די תשובה פון אבודרהם, ווי דארט שטייט קלאר אז מען זאגט אינגאנצן נישט א ברכה אויף השבת אבידה".

פון די תשובה פון הר"י בן פלט זעט אויס אז מען זאגט נישט א ברכה אויף השבת אבידה לויט די באקאנטע כלל ביי ברכת המצוות אז מען זאגט נישט א ברכה נאר אויף א מצוה וואס איז אינגאנצן אנגעהאנגען אין דער וואס טוהט עס, אבער אויף א מצוה וואס איז אנגעהאנגען אויך אין אנדערע זאגט מען נישט א ברכה. ווייל די מצוה פון השבת אבידה איז אויך אנגעהאנגען אין די הסכמה פון די אייגנטימער עס צוריק נעמען, זאגט מען נישט קיין ברכה דערויף. (וראה 'תמים דעים' סי' קעט).

נאך א טעם אויף דעם וואס מען זאגט נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון השבת אבידה ערקלערט דער 'שם אריה' געבויעט אויף דער כלל וואס רבינו בחיי (במדבר טו לח) שרייבט אז די חכמים האבן נישט מתקן געווען זאגן א ברכת המצוות אויף די "מצוות המושכלות" - אזעלעכע מצוות וואס אויב מיר וואלטן נישט באפוילן געווארן אויף זיי וואלט די שכל באפוילן אזוי צו טוהן, נאר אויף די "מצוות המקובלות" ד.מ. מצוות וואס מיר וואלטן זיי נישט מקיים געווען ווען מיר וואלטן נישט באפוילן געווארן אויף זיי, אזוי ווי די מצוה פון ציצית און תפילין. ווייל די מצוה פון "השבת אבידה" איז א "מצוה שכלית", זאגט מען נישט אז ברכה אויף דעם.

'אבודרהם' ברכת המצוות; שו"ת 'שם אריה' סי' א

### אויף מאה ברכות פארדינט מען דאפעלט

"שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים" (כב ז)

**רבי יצחק מג'לד** פון די חכמי באגדאד טייטש אויס דעם פסוק אלס א רמז אויף דער שכר פון דער וואס געבעט אכטונג זאגן יעדן טאג מאה ברכות:

"האם" איז אותיות "מאה". "שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם" - דער מענטש דארף יעדן טאג שיקן מאה ברכות צו זיין פאטער אין הימל, "וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ" - די השפעות הקדושה וואס ווערן באשאפן דורך די ברכות זאל ער נעמען פאר זיך. און דער פסוק זאגט ווייטער: "לְמַעַן יִיטַב לָךְ", דער וואס זאגט יעדן טאג מאה ברכות וועט אים גוט זיין, ער וועט באקומען אלס זייער שכר טויזנט זהובים, אזוי ווי די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די שכר פון יעדע ברכה איז צעהן זהובים. און אויסער דעם וועט ער זוכה זיין צו די ברכה "וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים", אזוי ווי די חכמים זאגן (במ"ר יח כא) אז דורך דעם וואס דוד המלך האט מתקן געווען מען זאל זאגן מאה ברכות, האט ער אפגעשטעלט די מגיפה וואס איז געווען אין זיינע צייטן.

'צלח רכב'

### ארץ ומלואה זענען מוקדש אויף די מאה ברכות

"לֹא תִזְרַע כַּרְמְךָ כִּלְאָיִם פֶּן תִּקְדַּשׁ הַמְלֵאָה הַזֶּרַע אֲשֶׁר תִּזְרָע וּתְבוּאַת הַכָּרֶם" (כב ט)

דער ירושלמי (ברכות ו א, ע"פ 'יפה מראה' שם) דרש'נט פון דער פסוק א מקור אויף דער חיוב פון זאגן 'ברכות הנהנין': די ווארט "המלאה" איז מרמז אויף 'ארץ ומלואה', און די תורה האט עס געשריבן נעבן "תבואת הכרם" צו לערנען אז דער גאנצער וועלט איז דומה צו א כרם; אזוי ווי די פירות פון די כרם אין די פערטע יאר ['נטע רבעי'] זענען מותר צו עסן אויסער ירושלים נאר דורך אויסלייזן מיט געלט, אזוי אויך עולם ומלואה איז נישט מותר צו עסן נאר נאכן זיי אויסלייזן מיטן זאגן א ברכה.

אין ליכט פון די ירושלמי לייגט צו **רבי בצלאל הכהן פון ווילנא** א רמז פון דער פסוק אויף די חוב פון זאגן 'מאה ברכות': די אותיות פון די ווארט "המלאה" זענען אזוי ווי די אותיות פון די ווארט "להמאה", און דער פסוק ווארנט אן: "לא תזרע כרמך כלאים" - זאלסט נישט אויסלייזן אלע הנאות העולם הזה וואס ווי געזאגט זענען זיי צוגעגלעכנט צו א כרם מיט איין ברכה צ.ב.ש. די ברכה "שהכל נהיה בדברו", וואס קען אלעס פטר'ן, "פן תקדש המלאה" ווייל די עולם ומלואה מיט אלע הנאות זענען געווידמעט כדי אנצוקומען צו די צאל פון מאה ברכות (ראה מנחות מג ב), און אזוי ווי מיר זעהן אז די ברכה 'המוציא' אויף "הזרע אשר תזרע", פטר'ט נישט די ברכה אויף די ווייִן וואס ווערט באשאפן פון "תבואת הכרם".

קובץ 'כרם שלמה' סיון תשנ"ט עמ' רג, מכת"י

### די קללה און דאס פארקערטע

"וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" (כג ו)

זאגט דער **אר"י** הקדוש: ווען מיר ווען איבערדרייען די ווארט 'קללה' אויף פארקערט וועט אויסקומען 'הלל-ק", און דאס איז דער רמז אויף לויבן דעם אויבערשטנ'ס נאמען הונדערט מאל וואס ווערט געטוהן ביים זאגן די מאה ברכות יעדן טאג. לויט דעם, ווען עס ווערט ח"ו נגזר א 'קללה' אויף א מענטש, האט ער די מעגליכקייט צי עס זאל חלילה טאקע אזוי זיין, אדער עס זאל איבערגעדרייט ווערן אויף 'הלל-ק" - דורך מקפיד זיין אויף זאגן די מאה ברכות וואס דעס דרייט איבער די קללה אויף ברכה. און דאס איז די כוונה פון דער פסוק זאגנדיג: "וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה"; דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט איבערדרייען די 'קללה' אויף ברכה, דורך 'הלל ק" ברכות.

דאס איז אויך די כוונה פון דער פסוק (דברים יא כו): "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה"; אויך ווען עס ווערט אויף אייך געאורטיילט חלילה א קללה, איז די קללה איבערגעגעבן אין ענקער האנט עס איבערדרייען אויף א ברכה, דורך זאגן מאה ברכות יעדן טאג. און אויך דוד המלך האט דאס מרמז געווען זאגנדיג (תהילים קט יז): "וַיֶּאֱהַב קְלָלָה וַתְּבוֹאֵהוּ וְלֹא חָפֵץ בִּבְרָכָה וַתִּרְחַק מִמֶּנּוּ"; דער וואס גלוסט נישט מקפיד זיין אויף זאגן מאה ברכות און דורך דעם איבערדרייען די קללה אויף ברכה, איז דאס א צייכן אז ער האט ליב די קללה חלילה.

'דרך משה' ליום יא

# די גארטן פון די ברכות און אמן

די פאלגנדע ערציילונג איז אונז געשיקט געווארן דורך איינער פון אונזערע געטרייע ליינער, וועלכער האט אונז געוואלט מיטטיילן אין א וואונדערליכע ישועה וואס ער האט זוכה געווען א דאנק זיין שטארקע הקפדה אויף זאגן ברכות און ענטפערן אמן. דער בריוו איז פאר אייך פארגעלייגט מיט עטליכע וויכטיגע רעדאקציע ענדערונגען:

איך האב חתונה געהאט מיט בערך דריי יאר צוריק, וויבאלד אונזערע עלטערן זענען נישט קיין פארמעגליכע, האבן זיי נישט געהאט די מעגליכקייט אונז העלפן מיט א דירה, און מיר מיינען אוודאי דינגען א הויז... פון קויפן האט קיינער נישט געטראכט...

אויף די עצה פון איינער פון אונזערע קרובים, האבן מיר מיט די הילף פון א מארטגעדזש און נאך הלוואות, געקויפט אן אלטע דירה אין שטאט טבריה, פאר גאר א ביליגן פרייז. לויט די אויסרעכענונגען וואס מיר האבן געמאכט פון פריער, נאכן אפרעכענען די מארטגעדזש, האט געדארפט איבערבלייבן א שיינע סומע פון די רענט, כדי מיר זאלן קענען באצאלן די רענט פאר די קליינע הייזקעלע וואס מיר האבן געדינגען אין בני ברק.

די פלענער זענען געווען וואונדערבאר... אבער, ווי עס שטייט "רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום", דאס קויפן אליין האט אויסגעזען שלעכט פון אלע זייטן. כאטש מיר האבן געוואוסט אז די דירה איז אלט און פארלאזט און האט זיך געפינען אין איינע פון די עלטסטע געגנטער אין שטאט, דאך האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס איז נאך ערגער פון וואס די דירה האט אויסגעזעהן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אלעס איז אינגאנצן פארפוילט; עס האט


קרית שמואל אין שטאט טבריה

זיך ארויסגעוויזן אז עס זענען פאראן אסאך ערנסטע פראבלעמען אין די וואסער רערן און אין די עלעקטריק סיסטעם, אז ווען מיר האבן געענדיגט פאררעכטן איין פראבלעם, האט מען באלד אנטדעקט א צווייטע פראבלעם...

צוליב דעם האבן מיר געהאט גרויסע שוועריקייטן צו געפינען א שוכר, און אפילו ווען עס איז ענדליך אנגעקומען א שוכר, איז ער אין א קורצע צייט אנטלאפן פון די דירה.

די צייט האט זיך געריקט און די הוצאות זענען נאר געוואקסן. איין פאררעכטן איז נאכגעלאפן די צווייטע און די דירה איז געבליבן ליידיג אסאך מאנאטן. אזוי אויב עס איז נישט גענוג געווען אז די טיילווייזע רענט וואס איז אריינגעקומען האט נישט געדעקט די מארטגעדזש, האבן מיר אויך געמוזט באצאלן פאר די פיל פאררעכטונגען וואס מיר האבן געמוזט נעמען אויף זיך.

די לאגע איז געווען זייער שלעכט און ביטער. מיר זענען אריינגעפאלן אין זייער גרויסע חובות. אבער די שטרוי וואס האט געבראכן דעם קעמל'ס רוקן איז פונקט געווען נאכן פארענדיגן די פילע פארריכטונגען.

א נייער שוכר האט זיך אריינגעצויגן אין די דירה, און מיר האבן געהאפט אז פון יעצט וועט די רענט געצאלט ווערן אין די צייט. אבער זייער שנעל האבן מיר איינגעזען אז נישט אזוי איז אונזער פאל. ווען מיר האבן אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט, האבן מיר פאראויס געבעטן טשעקן פאר די גאנצע יאר, יענער האט געענטפערט אז מיר האבן נישט וואס צו זארגן, און צוגעזאגט זיי צו ברענגען ווי שנעלער. ווייל מיר זענען געווען פאריאגט צו פארדינגען די דירה, האבן מיר אים געגלויבט, און אים געלאזט זיך אריינציעהן אין די דירה, נאך בעפאר ער האט געברענגט די טשעקן. ווען מיר האבן זיך צו אים געוואנדן וועגן דער באצאלונג, האט ער געהאט פארשידענע אויסריידן; ערשטנ'ס ס'האט זיך אים געענדיגט די טשעקן, דערנאך האט אנגעטראפן זיין זון א שווערע קראנקהייט. ער האט זיך אסאך אנטשולדיגט און געזאגט פארשידענע תירוצים, און שטענדיג געענדיגט מיט א צוזאג, אז אין די קומענדיגע טעג וועט ער קומען קיין בני ברק אונז ברענגען די טשעקן.

די טשעקן זענען ענדליך אנגעקומען נאך ארום דריי חדשים וואס ער האט געוואוינט אין דער דירה, און מיר האבן אפגעאטעמט. אבער צו אונזער באדויער, זיי זענען צוריק געשיקט געווארן פון באנק, די באנק האט זיי נישט געוואלט אננעמען. ווידער זענען מיר זאט געווען פון הבטחות, און אזוי האט זיך די זאך פארצויגן ביז נאך זיבן מאנאטן ווען ער איז אוועק פון די דירה אן צו באצאלן קיין איין שקל.

אבער מיט דעם האט זיך נאכנישט געענדיגט אונזערע צרות. ווען מיר זענען געקומען באזוכן די וואוינונג, זענען מיר ווי פארגליווערט געווארן. פאר אונזערע אויגן האט זיך אנטפלעקט א גענצליכע חורבן; צוקריצטע ווענט, צעבראכענע טירן, און אומעטום זענען געווען צושפרייט הויפנ'ס מיסט. שרעקליך.

מיין הארץ איז געווען צוקלאפט. אויך אזוי האבן מיר קוים געקענט אויסהאלטן די פיל שאדנ'ס און שוועריקייטן וואס אונז האבן מיר געליטן פון די דירה. איך האב געפילט אז איך קען נישט מער אריבערטראגן.

בעפאר מיר זענען צוריק קיין בני ברק, צעבראכן און פארלוירן, בין איך אריין אין א שוהל אין די 'קרית שמואל' געגנט דאווענען מעריב. איך האב געווארט ביז דער מנין וועט זיך צוזאמנעמען, און דערווייל האב איך באמערקט א עלטערער איד זיצט אין דער זייט פון שוהל, האלטנדיג א העפט און א רעכען-מאשינדל, און ער איז שטארק פארנומען מיט חשבונות...

"ווי אזוי ערלויבט זיך אזא חשובער איד מאכן חשבונות אין א שול?!" - האב איך געטראכט אין הארץ קוקנדיג אויף אים, און ער וועלכער האט מסתמא געשפירט די שלעכטע בליקן אויף אים, האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "זארג נישט, איך בין נישט פארנומען מיט פריוואטע חשבונות... איך רעכן צוזאם די ברכות און די אמן'ס וואס איך האב היינט געזאגט, און דאס טו איך געוועונליך יעדן אוונט, צו זען צי איך האב אויסגעפילט מיין פליכט - זאגן יעדן טאג מאה ברכות און נייניציג אמן'ס".

"יונגערמאן!", האט דער אלטער צו מיר געזאגט ווען ער קוקט אויף מיר מיט זיינע קלוגע אויגן: "עס לוינט דיר אויך אזוי טוהן, און איך זענט גערצאנטירט אז די שערי ברכה וועלן זיך עפענען פאר דיר".

איך בין זייער איבערגענומען געווארן הערנדיג די ווערטער. איך האב פארשטאנען אז נישט אומזיסט האב איך פונקט דאס געהערט אין די צייט, און אויפן פלאץ האב איך זיך אונטערגענומען צו מקפיד זיין יעדן טאג צו זאגן מאה ברכות און נייניציג אמן'ס. שוין אויפצומארגנ'ס האב איך געקויפט א העפט, און אנגעהויבן אנצייכענען אין דעם די ברכות און די אמן'ס.

אנהייב חודש תמוז לעצטע יאר, פונקט צוויי וואכן דערנאך וואס איך האב אנגעהויבן זיך מחזק זיין מיט זאגן ברכות און אמן'ס, בין איך אהיימגעקומען נאכן דאווענען מעריב, און דער טעלעפאן האט געקלונגען. דער רעדנער אויף די אנדערע זייט האט זיך אידענטיפיצירט ווי א מנהל פון א רעליגיעזע מוסדות אין טבריה. "עס פעלט אונז פלאץ פאר די קינדערגארטן וואס וועט זיך עפענען אין דעם קומענדיגן יאר", האט יענער געזאגט אן צופארשטיין ווי שטארק זענען זיינע ווערטער וויכטיג פאר מיר, "און דיין הויז וואס איז אויף די אריינגאנג שטאק און נאנט צו אונזער מוסד, איז פונקט פאסיג פאר אונז, פון אונזער זייט וועלן מיר זארגן אויף די איבערבוי' און צוגרייטונג פון די דירה און מיר וועלן דיר שוין באצאלן די רענט פון יעצט".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן. אויף אזאנ'ס האב איך אינגאנצן נישט גע'חלומ'ט. פארשטייט זיך אז איך האב גלייך מסכים געווען.

דער אויספיר איז געווען, איז דער מנהל פון דער מוסד איז געקומען צו מיר אין שטוב און האט אונטערגעשריבן א קאנטראקט אויף א לאנגע טערמין, וואס האט אריינגערעכנט צו צאלן א הויכע רענט, איבער טויזנט שקל מער ווי וואס עס איז געוועונליך אין דער געגנט, און האט זיך אויך אונטערגענומען צו נעמען אויף זיך אלע הוצאות פון איבערבויען. אויב איז דאס נישט גענוג, ווען ער האט איבערגעבויעט די דירה פאר די קינדערגארטן, איז די דירה באנייט געווארן פון א' ביז ת', און מיט די הסכמה פון די שכנים איז א טייל פון די הינטערשטע הויף צוגעלייגט געווארן צו די הויז. אזוי אז פון א פארלאזטע דירה איז געווארן א שיינע דירה המרחיבה דעתו של אדם.

אדאנק די ברכות און די אמן'ס, איז דער חלום פארווירקליכט געווארן. מיר האבן אנגעהויבן באקומען חודש'ליכע רענט ווייט העכער ווי' ערווארטונג, אזוי אז נאכן צאלן די מארטגעדזש, איז נאך איבערגעבליבן א באדייטנע סומע צו באצאלן די רענט פאר די וואוינונג וואו מיר לעבן.
הודו לה' כי טוב!

# דועי אמונים

## פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



דער משפיע הגה"צ רבי **אלימלך בידערמאן** שליט"א

חז"ל זאגן (תנחומא כי תשא לא) אז די לוחות ראשונות וואס זענען געגעבן געווארן עפענטליך האבן נישט זוכה געווען צו בלייבן נאר זיי זענען צובראכן געווארן, אנדערשט פון די לוחות שניות וואס זענען געגעבן געווארן באשיידן. פרעגט דער 'שפת אמת' (כי תשא תרל"ט): אויב אזוי פארוואס האט דער אויבערשטער געגעבן די לוחות ראשונות אין דער עפענטליך, אויב ער האט געוואוסט אז דאס וועט צוברענגען זיי זאלן צובראכן ווערן? נאר דער תירוץ איז, ווען מען הייבט אן אזאך שטיל און באהאלטן, האט עס נישט קיין קיום. געבן די תורה האט זיך געמוזט אנהייבן מיטן עס געבן אין דער עפענטליכקייט, כאטש דאס האט אין ענדע צוגעברענגט אויף שבירת הלוחות, אבי דער זאך זאל באקאנט ווערן און דורך דעם האבן א קיום.

דער וועלט זאגט אויף דעם א משל: א מענטש וואס גרייט אן א גלעזל קאווע דארף עס קודם צוגרייטן זייער הייס, כאטש עס איז אוממעגליך עס צו טרינקען, ווייל אויב מען גרייט אן נאר אין די מאס היץ וואס איז געאייגנט צום טרינקען, וועט עס נישט זיין געשמאק צום טרינקען...

ווענן דעם איז זייער ריכטיג וואס 'בני אמונים' טוהט מיט זייערע פרואמלונגען און אין אלע ערליי סארטן עפענטליכע אקטיוויטעטן צו פארשטארקן די חשיבות פון ענטפערן אמן, און מיט דעם איינווארצלען אין כלל ישראל צו אנהייבן די עבודה פון די טאג מיטן זאגן ברכות השחר בחברותא וואס די מעלה פון דעם איז זייער גרויס.

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון רבי יחזקאל פון קאזמיר פארוואס איז "גדול העונה אמן יותר מהמברך" (ברכות נג א)? ווייל דער וואס ענטפערט אמן איז פארנומען מיט די טובה פון זיין חבר. דער מברך טוהט טאקע די מצוה, אבער דער וואס געבט די שטארקייט און די שלימות איז דער וואס ענטפערט אמן, און דער וואס העלפט זיין חבר איז גרעסער פון דער וואס טוהט די מצוה פאר זיך ('נחמד מזהב' פרשת פקודי).

מיט דעם קען מען אילוסטרירן ווי גרויס איז די מעלה פון דער וואס איז מחזק די ענין פון ענטפערן אמן, אז די גאנצע באדייט פון ענטפערן אמן איז צולייגן קאפ און זארגן אויף די טובה פון דער מברך אז זיין ברכה זאל האבן א קיום.

עס איז באקאנט די ווארט פונעם מעזריטשער מגיד אויפן פסוק (בראשית ז א): "בוא אתה וכל ביתך אל התבה" - די לעבן פון דיר און פון דיין הויזגעזונד זענען אנגעהאנגען אין אין '**תיבה**', אין איין ווארט, און דאס איז: אמן.

אויף דעם האט צוגעלייגט דער הייליגער לעכוויטשער: עס וועלן זיין וואס וועלן זיך וואונדערן, וויאזוי קען א גרויסער מענטש ארייינגיין אין אזא קליינע ווארט...? עס איז טאקע אזוי, איינער וואס טראכט אז ער איז גרויס און די אמן איז קליין - וועט נישט קענען אריינגיין אין איר... אבער דער וואס פארשטייט אז ער איז קליין און די 'אמן' איז גרויס, קען דארט האבן פלאץ ער מיט זיין גאנצע בני בית...

און מער פון אלעס איז דער וואס שטייט אין שפיץ פון די אלע אקטיוויטעטן, אויף אים האבן די חשובע רבנים געזאגט אז ער איז דער 'מחיה מתים' פון אונזער דור, ווייל דער בעל 'ספר חסידים' (סי' רסא) שרייבט אז יעדע מצוה וואס האט נישט ווער עס זאל זיך אפגעבן מיט איר, איז עס ווי א 'מת מצוה' וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן 'הכל קרוביו'. אין אונזער דור איז טאקע געטוהן געווארן א אומגלויבליכן תחיית המתים... אלט און יונג - אלע זאגן ברכות השחר בחברותא.

אויב ווילן אייך הערן א העכטע 'תחיית המתים' וואס איז געווארן אדאנק די וואונדערליכע מצוה, הערט צו וואס עס האט מיר דערציילט דער ברודער פון די נשיא 'בני אמונים' הגה"ח רבי אהרן צבי מארמארשטיין שליט"א, דער ראש כולל פון חסידי 'סערט וויז'ניץ' אין בני ברק, א וואונדערליכער ערציילונג וואס איז א מצוה צו פארשפרייטן:

דער ליעזשער רבי זצ"ל פון די סטעמפארד היל געגענט אין לאנדאן, איז קראנק געווארן אויף זיין הארץ און איז אפגעשוואכט געווארן. זיין רעביצין תליט"א האט זיך אונטערגענומען א גוטע הנהגה צו זיין ווי די 'בני אמונים'... זאגן די ברכות השחר יעדן טאג פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אמן. צוליב דעם האט זי געווארט יעדן טאג אויף איר מאן דער רבי ביז ער איז צוריקגעקומען פון שוהל, ער זאל צוהערן צו אירע ברכות און ענטפערן אמן.

מאנטאג אינדערפרי, י"ג אלול תשע"ח, ווען דער רבי איז צוריקגעקומען פון זיין בית המדרש, איז די רעביצין געווען אין א 'טיפע סוגיא' אין קאך... צום ערשט האט זי געטראכט, אז זי וועט קודם ענדיגן צו קאכן און ערשט דעמאלט גיין צו איר מאן זאגן די ברכות ווי איר שטייגער.

אבער שפעטער האט זי זיך איבערגעטראכט און באשלאסן נישט אפצושטיפן איר מנהג, מיר ווייסן דאך "מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה", און דאס ענטפערן 'אמן' דארף געטוהן ווערן אין די ערשטע געלעגנהייט, מיט די גאנצע ברען, עס זאל נישט חלילה קאלט ווערן...

די רעביצין האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן קאכן, און איז אריין צום רבי'ן אין זיין צימער און האט אנגעהויבן זאגן פאר אים די ברכות, אנגעהויבן מיט "הנותן לשכוי בינה", "שלא עשני גוי" און אזוי ווייטער ביז "הנותן ליעף כח".

ווען זי האט געענדיגט "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל" האט זי געווארט אויף די 'אמן', אבער דעמאלט האט איר אנגעכאפט א שרעק, ווען דער רבי האט נישט געענטפערט... זי האט געקוקט און געזען ווי זיין קאפ איז געפאלן אויף א הינטער און זיינע אויגן זענען פארמאכט.

זי האט גלייך פארשטאנען אז עס איז א הארץ אטאקע און האט זיך געאיילט צו רופן די 'הצלה' וואלונטירן. ביז א מינוט איז אנגעקומען אן אמבולאנס און נאך א לאנגע צייט איז זיי געלונגען צוריקצושטעלן די הארץ-פולס.

ווען זי וואלט געבליבן אין קיך צו פארענדיגן די קאכן, וואלט זי זיך פארשפעטיגט א לאנגע צייט, ווען זי ווייסט גארנישט וואס עס טוט זיך אין דעם רבי'נס צימער, און חלילה וואס וואלט געווען די רעזולטאט.

ווען חז"ל זאגן (ברכות מח א): "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו" האבן זיי אויך גערעדט פון דעם...

"ישמחו השמים ותגל הארץ" אז דאס האט פאסירט פונקט אין דעם טאג פון די יארצייט פון דער וואס אדאנק אים איז געגרינדעט געווארן די רעוואלוציע פון בני אמונים, די 'תחיית המתים' פון אונזער דור, הרב ר' חיים בן ציון מארמארשטיין זצ"ל, דער פאטער פונעם נשיא בני אמונים רבי יעקב דוב, און ווער ווייסט, אפשר די פון אויבן און פון אונטן צוזאממען האבן געראטעוועט דעם רבי'ן...

און די רושמי רשומות זאגן: 'אמן מצילה נפשות' - איז ר"ת אמן.

און באמת אזוי איז דער כלל, ווען מען טוהט עפעס אזאך מיט א קביעות און מען איז נישט מוותר אויף דעם קיינמאל, געבט דער אויבערשטער א באזונדערע סייעתא דשמיא.

פון א דרשה ביי די 'בני אמונים' צוזאמקום - תשרי תשע"ח

# היום נכבד לבני אמונים

דינסטאג, י"ג אלול הבעל"ט, איז דער צוואנציגסטער יארצייט פון אבי מורי רבי חיים בן ציון בן רבי אהרן צבי זצ"ל. אין דעם טאג וועלן מיר אנצייכענען די פערצנ'סטע יאר פון די גרינדונג פון 'בני אמונים', די גרויסע רעוואלוציע צו מחזק זיין ענטפערן אמן אין ארץ ישראל און אין דער וועלט, וואס איז געגרינדערט געווארן לעילוי נשמתו און אדאנק אים האט עס זוכה געווען צו אזא גרויסע הצלחה.

אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן געווארן אין שאטן פון מיין טאטן זצ"ל, איז די מצוה פון ענטפערן אמן געווארן א אומפארשיידענער טייל פון מיר. מיין טאטע זצ"ל, פון זיין יוגנט ביזן דערגרייכן צו די עלטערע יארן האט אנגעהאלטן די מצוה מיט אלע זיינע כוחות. ער האט געהאלטן טייער יעדע אמן, און האט געזען אין זיי א אמת'דיגע אוצר, אזוי ווייט אז זיין זעהל האט זיך נישט געקענט זעטיגן. ער האט קיינמאל נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי זענען מענטשן גרייט צו פארלירן אזא אוצר.

ארום זעקס יאר זינט מיין פאטער'ס פטירה האבן זיך געשלעפט די גרינדונג פון 'בני אמונים'. ווען איך האב פארגעלייגט פאר מיינע פריינט מיין ווילן און די פלענער וואס איך וויל טוהן אויף חיזוק פון ענטפערן אמן, האבן זיי געשאקלט מיטן קאפ. זיי האבן אויך געהאלטן אז דאס דארף תיקון, אויף דעם איז נישט געווען קיין מחלוקת, אבער זיי האבן נישט געגלייבט אז עס איז מעגליך צו טוישן די באציאונג פון מענטשן צו די געהויבענע מצוה. אבער צום סוף, די שטארקע שטיצע וואס איך האב באקומען פון די גדולי הדור, האבן מיר געגעבן די כוחות און די מוט זיך ארויסלאזן אויפן וועג.



רבי חיים בן ציון בן רבי אהרן צבי מארמארשטיין זצ"ל.
נפטר י"ג אלול תשס"ג

דער ערשטער צוזאמקום פון 'בני אמונים' איז פארגעקומען אין די יארצייט פון אבי מורי זצ"ל, י"ג אלול תשס"ט, אין בני ברק. די אסיפה איז געווען מיט די באטייליגונג פונעם פוסק הדור מרן הגר"ש וואזנער, און מרן ראש הישיבה הגראי"ל שטיינמאן זי"ע. דאס איז געווען דער פארזאמלונג וואס האט געגעבן דעם עפענונג-סיגנאל אויף די ברייט פארצווייגטע אקטיוויטעטן וואס וואקסט מיט די יארן מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

אין לויף פון די יארן, אדאנק די געבענטשע אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים', נאך אידן זענען זוכה זיך צו מחבר זיין צו די ברכות השחר, און זיי זאגן הויך און מיט כוונה, און מיט א 'חברותא' - ווי עס איז געווען דער מנהג פון די קדמונים - אין די אויערן פון א צווייטער איד וואס פארענדיגט און באצירט די ברכה מיט א אמן.



די גרינדונג פון 'בני אמונים' י"ג אלול תשס"ט בראשות מרנן ורבנן הגר"ש וואזנער און הגראי"ל שטיינמאן זצוק"ל

פון דעמאלט ביז היינטיגן טאג האב איך מיטן אויבערשטנ'ס הילף אינוועסטירט א ריזן סומע אריינברענגען אין דעם ציבור די וויסנשאפט איבער ענטפערן אמן בכלל און נאך ברכות השחר בפרט. אומענדליכע כוחות און פארשידענע מיטלען זענען אינוועסטירט געווארן אין די מוסדות החינוך און אין די קהילות. עס איז נישט פארהאן איינער וואס האט נישט אנגעטראפן אט די געבענטשטע אקטיוויטעטן, און דא איז נישט דער פלאץ צו דעטאלירן איר ריזיגע פארנעם.

היינט, ערב דעם צוואנציג'סטן יארצייט פון אבי מורי זצ"ל, ווען איך קוק אויף צוריק בין איך אינגאנצן איבערגענומען צו זען די רעוואלוציע וואס מיר האבן זוכה געווען צו טוהן. היינט איז נישט קיין מאדענע ערשיינונג צו זעהן א גרופע זאגן 'ברכות השחר' יעדער פארן צווייטן. דער קול פון ענטפערן אמן הערט זיך הויעך אינדערפרי אין די שוהלן, אין די מוסדות חינוך און אין די הייליגע ישיבות, און די גאנצע חיזוק ווערט גערעכנט לזכותו פון מיין טאטן, וואס אלעס איז פון זיין גייסט און מאכט.

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א וואונדערליכן און באזונדערן שכר פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים אמן". איז באקאנט די פראגע: פארוואס שטייט "שערי גן עדן" מיט א לשון רבים, די ציל איז דאך דאס זיצן אין 'גן עדן' וואס איז מיר א חילוק אין די צאל פון די טויערן וואס וועלן זיך עפענען?

האב איך געטראכט צו זאגן אז א מענטש וואס איז "העונה אמן בכל כוחו", אזוי ווי מיין פאטער זצ"ל, איז זוכה צו עפענען אסאך טויערן נישט נאר פאר אים נאר פאר אסאך אנדערע, ווייל מענטשן לערנען זיך פון אים און זענען אויך מקפיד ענטפערן אמן, און די טויערן פון גן עדן עפענען זיך פאר זיי. ענק זעהן דאך אפן מיט די אויגן וואספארא רעוואלוציע איז געווארן אדאנק מיין טאטן.

און נאך א נקודה: ביי די פטירה פון איינעם פון די עלטערן זעהן מיר אז ענטפערן אמן איז דער שטריק וואס פארבינדט אונז צו זיי. ווייל די עיקר פון דאווענען פארן עמוד, איז די הויכע שמו"ע און זאגן קדיש וואס דער תכלית איז מזכה זיין די רבים מיט ענטפערן אמן, און ווי מיר רופן אויס ביים זאגן קדיש איינמאל און נאכאמאל: "ואמרו אמן".

איך האב געטראכט אז אין דעם ענין קען איך צוצייכענען א וואונדערליכן געדאנק: אויף די פראגע פון וועלכע עלטער איז א פיצל קינד וואס איז נפטר געווארן זוכה צו חיי עולם הבא, ענטפערט דער תנא רבי מאיר (סנהדרין קי ב): "משעה שיאמר אמן". און לויט דעם פסק'נט דער רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד את בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא". און קוקט נאר א וואונדער, מיטן ענטפערן אמן וואס אונזערע עלטערן האבן אונז געלערנט און אדאנק דעם אונז געברענגט צו חיי העולם הבא, טוהן מיר מיט זיי א טובה נאך זייער פטירה און מיר ברענגען זיי צו חיי עולם הבא, אזוי ווי רבי משה בן מכיר שרייבט אין זיין ספר 'סדר היום' (כוונת ברכו): "מען האט מתקן געווען זאגן קדיש אויף די טויטע ווייל דורך ענטפערן אמן בכל כוחו איז ער ממשיך די כח הטהרה און קילט אפ די גיהינום אויף א שעה און א האלב (ראה זוהר נח סב ב) און פארטרייבט די כח הטומאה עס זאל נישט שולט זיין אין זיין טאטע און מאמע אין די צייט, נאר פארקערט, זיי ברענגען די נשמה צו גן עדן".

עס קען זיין אז דאס האט רבי יהודה הלוי מרמז געווען אין זיין באקאנטן פיוט "יום שבתון אין לשכוח", אין די ווערטער: "היום נכבד לבני אמונים זהירים לשומרו אבות ובנים"; די מצוה פון ענטפערן אמן "זהירים לשמרו אבות" - באלד ווען דאס קינד הייבט אן רעדן, "ובנים" - נאך די פטירה פון זייערע עלטערן, ווען זיי ברענגען זיי צו חיי עולם הבא דורך די מצוה פון ענטפערן אמן. קומט אויס אז דאס מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן בינדט צוזאם די זון און די עלטערן, פון דער מינוט וואס דאס קינד איז געבוירן ביז די פטירה פון זיין טאטע, אין די בחינה פון "בחייהם ובמותם לא נפרדו" (שמואל-ב' א כג).

מיין טאטע איז ווי געזאגט נפטר געווארן אין יאר תשס"ג. אין יענע יאר איז אויסגעפאלן י"ג אלול פונקט אזוי ווי די יאר מיטוואך נאך שבת פרשת כי תצא, און אזוי אין אלע יארן געפאלט אויס דער יארצייט ארום די פרשה. פרשת כי תצא הייבט זיך אן ווי באקאנט מיטן פסוק: "כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך ושבית שביו". האב איך געטראכט צו זאגן: די ווערטער "כי תצא" זענען ראשי תיבות: "כל יום תענה צ' אמנים". און דאס איז דאך געווען די אייגנארטיקייט פון מיין פאטער וואס האט מקפיד געווען יעדן טאג צו הערן ברכות השחר פון אסאך מענטשן, כדי צו קענען צוקומען צו די צאל פון צ' אמנים, און איך בין זיכער אז די זכות איז אים בייגעשטאנען צו באזיגן די שונאים און די מקטריגים אנקומענדיג לעולם שכולו טוב, און די טויערן פון גן עדן האבן זיך פאר אים ברייט געעפענט ווי עס צוגעזאגט פאר די וואס ענטפערן אמן מיט זייער גאנצער כח.

**מיט א רוף "זהירים לשומרו אבות ובנים"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין